**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון גרעסטער דאך סאלאר פראיעקט אין ניו יארק סטעיט**

***פלאצירט אין ארענדזש קאונטי אויפן דאך פון Medline Industries, די לאנד'ס גרעסטע פריוואטע מעניופעקטשורער און דיסטריביוטער פון מעדיצינישע פראדוקטן***

***7.2-מעגאַוואַט קאמיוניטי סאלאר פראיעקט העלפט רעדוצירן ענערגיע קאסטן פאר די פירמע און איינוואוינער אין די מיד-האדסאן ראיאן***

***שטיצט ניו יארק'ס קלימאט געזעץ ציהל צו אינסטאלירן זעקס גיגאַוואַטס פון סאלאר ביז 2025 און פארשנעלערט פארשריט אין ריכטונג פון צען גיגאַוואַטס ביז 2030***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון דעם גרעסטן דאך סאלאר פראיעקט אין ניו יארק סטעיט. פלאצירט אין ארענדזש קאונטי העכער א דיסטריביושען צענטער אין אייגנטום פון Medline Industries– די לאנד'ס גרעסטע פריוואטע מעניופעקטשורער און דיסטריביוטער פון מעדיצינישע פראדוקטן – העלפט די 7.2-מעגאַוואַט קאמיוניטי סאלאר פראיעקט רעדוצירן ענערגיע קאסטן סיי פאר די פירמע און סיי פאר די איינוואוינער אין די מיד-האדסאן ראיאן. די היינטיגע אנאנס שטיצט ניו יארק'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act) ציהל צו אינסטאלירן זעקס גיגאַוואַטס פון דיסטריביוּטעד סאלאר ביז 2025 און עס פארשנעלערט פארשריט צו אנקומען צו צען גיגאַוואַטס ביז 2030.

"ניו יארק זעצט פאר צו זיין א מוסטער פאר אנדערע סטעיטס מיט אונזער אגרעסיווע דעוועלאפמענט פון ריינע ענערגיע, און אונזער איבערגעגעבנקייט צו ריינע, אפאָרדעבעל סאלאר איז גאר וויכטיג פאר אונז צו קענען בויען אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט 'גריד'," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארענדיגונג פון דעם פראיעקטן צייכנט אפ נאך א גרויסע עררייכונג אין די עמפייער סטעיט און שפיגלט אפ אן ערפאלגרייכע נייגונג פון פריוואטע אינוועסטירונג אין קאמיוניטי-צענטרירטע פראיעקטן וועלכע זענען יעצט אין די הארץ פון אונזער אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע."

דער קאמיוניטי סאלאר פראיעקט וואס באשטייט פון איבער 17,000 פאנעלן איז פארענדיגט געווארן אום מאי 26, 2023, און עס טרייבט אויף 8.5 מיליאן קילאָוואַט-שעה (kilowatt-hours, kWh) פון ריינע עלעקטרישע קראפט יערליך, גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר איבער 1,600 היימער, בשעת'ן רעדוצירן קארבאן עמיסיעס מיט קרוב צו 6,000 מעטריק טאן יערליך — אזוי סאך ווי אראפנעמען 1,200 קארן אראפ פון די שאסייען. דער פראיעקט פון איבער 8 מיליאן דאלאר, שטייענדיג אין די טאון אָוו מאַנטגאָמרי, איז געבויט געווארן מיט קרוב צו 5 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונג פון די דעוועלאפער, PowerFlex – א נאציאנאלע פראָווײדער פון סאלאר, סטארעדזש און עלעקטרישע קאר (electric vehicle, EV) טשארדזשינג פראדוקטן פאר קאמערשיעל קליענטן, און עס איז יעצט אין די

אייגנטום פון Medline Industries. די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) האט צוגעשטעלט איבער 3 מיליאן דאלאר אין שטיצע פארן פראיעקט דורך NY-Sun, די סטעיט'ס אייגנארטיגע איניציאטיוו צו מאכן פארשריט מיטן פארשפרייטן די באנוץ מיט סאלאר בשעת'ן אראפטרייבן די קאסטן און מאכן סאלאר ענערגיע מער צוגענגליך פאר היימער, ביזנעסער און קאמיוניטיס.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין העריס, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, איז ניו יארק די לאנד'ס גרעסטע קאמיוניטי סאלאר מארקעטפלאץ, צוציהענדיג נייע סטראטעגישע שותפות'ן צווישן פריוואטע קערפערשאפטן און די רעגירונג אונז צו העלפן טראנספארמירן די וועג וויאזוי מיר שטעלן צו די טרייב קראפט פאר היימער און ביזנעסער. די חזון און די איבערגעגעבנקייט מיטגעטיילט דורך Medline Industries און PowerFlex פאר דעם פראיעקט דינט אלץ א מוסטער פאר אנדערע קאמערשיעל פראפערטיס וועלכע טראכטן פון אויפשטעלן ענליכע פראיעקטן וועלכע קענען רעדוצירן זייער קארבאן באנוץ בשעת'ן פארברייטערן צוטריט צו סאלאר פאר איינוואוינער אין די ארומיגע קאמיוניטי."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "ענווייראמענט-פריינטליכע מקורות פון טרייב קראפט זענען איינס פון די הויפט גורמים וועלכע ברענגען אונז אריין אין א צוקונפט פון ענווייראמענטאל-אחריות'דיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג. מיט דעם פראיעקט זענען מיר אויפגעוויזענע פירער אין ריינע ענערגיע און מיר ווייזן ארויס אז אמביציעזע שותפות'ן צווישן פריוואטע און קאמיוניטי-פארמישטע קערפערשאפטן פירן צו אומפארגלייכליכע הצלחה אין ניו יארק סטעיט."

**PowerFlex'ס CEO, ראפאעל דעקלערק, האט געזאגט,** "אלץ די פראיעקט דעוועלאפער זענען מיר שטאלץ צו האבן געהאלפן ברענגען דעם רעקארד-ברעכנדע ניו יארק דאך קאמיוניטי סאלאר פראיעקט צו ווערן א רעאליטעט. PowerFlex'ס שותפות מיט Medline אין לויף פון די יארן האט ערמעגליכט די אינסטאלאציע פון מערערע סאלאר פראיעקטן אריבער דאס לאנד, און מיר לויבן אויס זייער טיפע און אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו ענווייראמענט-פריינטליכקייט."

**Medline וויצע פרעזידענט פון ESG, פרענטשעסקא אליוועך, האט געזאגט,** "Medline איז אנטשיידן מיט איר פארפליכטונג צו בויען אן ענווייראמענט-פריינטליכע ביזנעס דורכן אינוועסטירן אין גרינע טעכנאלאגיעס. די אינסטאלאציע פון ניו יארק'ס גרעסטע דאך סאלאר פראפעסיאנאלן ביי אונזער מאַנטגאָמרי דיסטריביושען צענטער איז א מוסטער פון אונזער איבערגעגעבנקייט צו מאכן העלטקעיר מער ענווייראמענט-פריינטליך פאר פראָווײדערס און זייערע פאציענטן אין די סטעיט."

קאמיוניטי סאלאר זענען גרויסע זאמלונגען פון סאלאר פאנעלן אויף איין פלאץ וועלכע ערלויבן היים אייגנטימער און טענאנטס צו באקומען סאלאר טרייב קראפט אן דארפן אינסטאלירן פאנעלן אין זייערע היימער. די עלעקטריציטעט קומט ווייטער אן דורך די געווענטליכע עלעקטריציטעט פראָווײדער, אבער די טרייב קראפט וואס קומט פון די קאמיוניטי סאלאר פאנעלן ווערט דירעקט אריינגעפירט אין די עלעקטריציטעט 'גריד' און די קליענטן באקומען קרעדיט אויף זייער עלעקטריציטעט ביל.

Medline'ס דיסטריביושען צענטער וואס האט זיך געעפנט אין אויגוסט פון 2022 באשעפטיגט מער פון 700 מענטשן וועלכע דיסטריביוטען פראדוקטן און מאשינען צו העלטקעיר פראָווײדערס, ווי שפיטעלער, נוירסינג היימער און אפעראציע צענטערן אינדרויסן פון שפיטעלער. די איינריכטונג וועט אויסנוצן 40 פראצענט פון די ריינע ענערגיע וואס ווערט אויפגעטריבן דורך דעם סאלאר פראיעקט, און עס וועט איבערלאזן 60 פראצענט פאר אומגעפער 600 איינוואוינער וועלכע קענען זיך אויפשרייבן פאר די סיסטעם און באקומען קרעדיט אויף זייער עלעקטריציטעט ביל פאר א געשאצטע 10 פראצענטיגע

חודש'ליכע דיסקאונט. אין אויסטויש פאר א צוזאג צו אויפהאלטן 344 עקזיסטירנדע דזשאבס און אריינברענגען נאך 266 נייע, האט עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט געשאנקען פאר Medline ביז 10 מיליאן דאלאר אין 'עקסעלסיאר דזשאבס' טעקס קרעדיטס.

די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף ניו יארק'ס הצלחה מיט NY-Sun — דורך וועלכע סאלאר אריבער די סטעיט איז געוואקסן מיט איבער 3,000 פראצענט זינט 2012, האבנדיג אויסגענוצט איבער 7.4 ביליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונגען און האבנדיג רעדוצירט די קאסטן פון סאלאר מיט 72 פראצענט זינט די איניציאטיוו איז אנגעהויבן געווארן. עס זענען יעצט דא איבער 4,600 מעגאַוואַטס פון דיסטריביוּטעד סאלאר אין אפעראציע, מיט כמעט 3,500 מעגאַוואַטס געפונענדיג זיך אין די לעצטע שטאפלען פון אנטוויקלונג דערנענטערענדיג זיך צו די פארענדיגונג. אין 2022 איז ניו יארק געווארן די גרעסטע קאמיוניטי סאלאר מארקעט אין די פאראייניגטע שטאטן, צושטעלנדיג נאענט צו האלב פון די לאנד'ס קאמיוניטי סאלאר קאפאציטעט לעצטע יאר. עס זענען דא אומגעפער 13,400 מענטשן וועלכע זענען באשעפטיגט מיט סאלאר דזשאבס אריבער ניו יארק.

**אסעמבלי מיטגלידערין דידי בארעט האט געזאגט,** "דאך סאלאר וועט שפילן א הויפט ראלע ביים עררייכן ניו יארק סטעיט'ס ריינע-ענערגיע ציהלן, און עס איז צוליב פראגראמען ווי NY-SUN וואס מיר האבן געזעהן א 49 פראצענטיגע וואוקס אין דאך סאלאר אינסטאלאציעס איבער די לעצטע יאר. עס איז געוואלדיגע נייעס אז דער גרעסטער דאך סאלאר פראיעקט אין ניו יארק סטעיט ביי Medline Industries געפונט זיך דא אין די האדסאן וואלי. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול און NYSERDA פאר זייער אנגייענדע שטיצע פאר וויכטיגע פראיעקטן ווי דאס."

**ניו יארק סאלאר ענערגיע אינדוסטריעס אסאָוסיעישען ( New York Solar Energy Industries Association, NYSEIA) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, נאָווע גינזבורג, האט געזאגט,** "די 7.2 מעגאַוואַט דאך קאמיוניטי סאלאר פראיעקט ברענגט ארויס די געלעגנהייט פאר ניו יארק'ס מעניוּפעקטשורערס און אינדוסטריאלע ביזנעסער צו פארגרעסערן זייערע פארדינסטן מיט סאלאר טרייב קראפט בשעת'ן איינשפארן געלט אויף עלעקטריציטעט בילס פאר ניו יארקער און שטיצן די פארשריט אין ריכטונג פון אונזערע אמביציעזע ריינע ענערגיע ציהלן. דער פראיעקט איז ערמעגליכט געווארן דורך ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע קאמיוניטי סאלאר און NY-Sun פראגראמען, און עס איז אויסגעפירט געווארן דורך אונזערע שעפערישע ביזנעס פירער. ניו יארק סאלאר ענערגיע אינדוסטריעס אסאָוסיעישען וויל גראטולירן גאווערנער האקול, NYSERDA, Medline Industries און PowerFlex אויף די פארענדיגונג פון דעם איינפלוסרייכן סאלאר פראיעקט."

**Coalition for Community Solar Access Northeast ראיאנישע דירעקטארין, קעיט דעניעל, האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו פייערן דעם היסטארישן פראיעקט פאר ניו יארק סטעיט. דער פראיעקט ווייזט שטאלצערהייט ארויס וויאזוי מיר קענען ארויסברענגען די פולע פאטענציאל פון קאמיוניטי סאלאר דורכן ווירקזאמערהייט אויסנוצן שטח צו אריינברענגען ריינע ענערגיע און צו אויסנוצן פריוואטע אינוועסטירונג צו בויען פובליק אינפראסטרוקטור וועלכע ברענגען באדייטפולע איינגעשפארטע סומעס אין ענערגיע פאר די קאמיוניטי. ניו יארק'ס פירנדע קאמיוניטי סאלאר פאליסיס און איבערגעגעבנקייט צו פאראויס גיין מיט גלייכע ענערגיע מאכט אזעלכע פראיעקטן מעגליך. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול, NYSERDA און די דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס פאר זייער פלייסיגע ארבעט צו מאכן לאקאלע סאלאר ענערגיע צוגענגליך פאר אלע ניו יארקער דורך קאמיוניטי סאלאר."

**New York League of Conservation Voters פרעזידענט, דזשוּלי טייג, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט ביז גאר צו זעהן די פארענדיגונג פון דעם דאך סאלאר פראיעקט אין אראנדזש קאונטי מיט די 7.2 מעגאַוואַטס פון ריינע ענערגיע פלאנירט צו געשיקט ווערן פאר די מיד-האדסאן ראיאן'ס היימער און ביזנעסער. אלץ די גרעסטע אינסטאלאציע פון די סארט אין די סטעיט, איז דער

פראיעקט נישט נאר גאר גרויס אין פארנעם, נאר עס איז אויך אן אייזן-שטארקע באווייז פון גאווערנער האקול'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו די וואוקס פון סאלאר ענערגיע און – אויף א ברייטערן פארנעם – צו זיכער מאכן אז ניו יארק איז א פירער אין די קאמף קעגן קלימאט טויש."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך די לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו עררייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן זעצן פאר צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן